# פסק הלכה

מחד מגדולי פוסקי דורינו

הגאון הגדול המפורסם רבי **ישראל דוד הארפענעס** שליט"א

אבד"ק ומח"ס ישראל והזמנים

איך וועל זאגן א ווארט וואס איז מיר איינגעפאלן פריער אין געדאנק, א דבר ברכה, מ'זאגט "ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת", דער פסוק זאגט "ארור אשר לא יקים", ס'שטייט אין חז"ל וכי יש תורה נופלת, עס גייט ארויף אויף מפירי תורה. האב איך געטראכט פשוט, דער חתם סופר שרייבט אין די צוואה "יש לנו אב זקן שלא נשתנה ולא ישתנה", אונז האמיר אן אב זקן וואס נאך פון אברהם אבינו "כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט", אשר לא נשתנה ולא ישתנה, עד סוף כל הדורות האלט מען זיך צו דעם דרך וואס מען האט מקבל געווען פון די פריערדיגע דורות. עס שטייט די בחינה פון "יקים" אז ס'איז מלשון "ואת כל 'היקום' אשר ברגליהם", איז דא מרומז "אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן", די יסוד איז מען זאל גיין בעקבי הצאן, מען זאל נאך גיין די פיסטריט פון די פריערדיגע אבות און די עלטערן, ממשיך זיין דעם דרך, דאס איז טייטש ברוך אשר 'יקים' את דברי התורה הזאת, את כל 'היקום' אשר "ברגליהם",

**אז מען רירט זיך נישט אוועק קיין זיז כל שהוא, מען איז נישט משנה גארנישט, מ'מאכט נישט קיין דריידלעך אהער און אהין אז מען דארף דאס און מען דארף דאס, וועגן דעם מצב מען קען נישט אנגיין, מען מוז טוישן פארשידענע קלייניקייטן...**

## אז מען הייבט אן צו דרייען און מען איז משנה, דאס ברענגט דעם חורבן אז מען פארקריכט אינגאנצן

מען זאל וויסן **די אלע לימודי חול וואס מען לערנט אין א מוסד דאס איז א גרויסע דיעבד שבדיעבד, עס איז נישט קיין "הותרה", עס איז א "דחויה", איז ממילא וואס מען קען דארף מען ארויסשניידן.** פריערדיגע צדיקים האבן געוויינט בכיות נוראות, דער חפץ חיים, די וואלאזשינער ישיבה האט מען צוגעשפארט ווייל די רעגירונג האט גוזר געווען אז מען דארף לערנען לימודי חול, עס איז געווען אינגאנצן א גזירה פון "איין שעה א טאג" זאל מען לערנען די רוסישע שפראך.

דער חפץ חיים איז געווען אמאל צוליב א גזירה ביים פוילישן קעניג צוזאמען מיטן בעלזער רב, זיי האבן מסכים געווען בשעת מעשה אז מען האט נישט קיין ברירה מען מוז עפעס נאכגעבן פאר די רעגירונג. שפעטער ווען דער חפץ חיים איז אהיים געקומען פון די אסיפה האט מען אים געטראפן זיצן וויינען, אינמיטן די נאכט האט ער זיך אויף געזעצט אין בעט און ער האט געוויינט און געוויינט. ער איז געווען דארטן צוזאמען מיט ר' אברהם קאלמאנאוויטש זצ"ל, האט ער אים געפרעגט פארוואס וויינט דער רבי, האט ער געזאגט "איך האב מורא אז מען האט מועל געווען אין די פקדון, דער אויבערשטער האט געגעבן א פקדון די תינוקות של בית רבן, מען האט נישט געהאט קיין ברירה מען האט זיך אונטער געגעבן, **איך האב מורא איך האב מועל געווען אין די פקדון".**

## מען טאר נישט מאכן קיין שינוי כל דהו, און בפרט נעמען געלט, און בכלל פון רשעים פון גוים פון פושעים, ס'איז כח הפועל בנפעל

ס'שטייט אין בני יששכר אין אגרא דפרקא און אין אגרא דכלה, אין אפאר פלעצער שרייבט ער דערפון, **נעמען געלט פון פושעים פון מומרים, אלע צדיקים האבן מורא'דיג מקפיד געווען אויף דעם, זיי האבן נישט געוואלט נהנה זיין,** מ'ברענגט פון ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע און פון ר' הערשעלע ליסקער זי"ע, דער עדעלינער רב שרייבט דאס, אלע ברענגען דאס, עס איז מקובל פון 'אלע' צדיקים פון די פריערדיגע דורות, אין אוצר החיים פונעם קאמארנער זי"ע שטייט, **געלט פון פושעים פון גוים איז סכנת נפשות,** ס'קען מכריע זיין ח"ו, אפילו די וואס האבן גענומען, האבן גענומען פאר ביהכ"נ געלט, **אבער זיך באדן אין גוי'שע געלטער און אויפשטעלן א מוסד פון דעם איז ממש סכנת נפשות, עס איז כח הפועל בנפעל און תוצאותיו מי ישירנה.**

דער הייליגער נועם אלימלך זאגט, "מטבע של אש", עס איז דא אן אש וואס איז מחמם וואס ברענגט א פייער פון אידישקייט, דאס איז "רוחי אשר עליך", דער רוח דער פייער דער ברען, "דברי אשר שמתי בפיך", דאס העלפט אז עס זאל זיין "לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם",

**אבער טאמער ח"ו מען היט זיך נישט אפ, דאס געלט פארברענט, עס פארברענט די נשמה, שריפת נשמה וגוף קיים!**

אויף געלט שטייט תוכו רצוף אהבה, געלט איז אש קודש, געלט וואס קומט פון ערליכע אידן אחים לדעה וואס האנדלען ערליך איז הייליג געלט.